# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת עקב, מברכים חודש אלול, כ"ג אב, אבות פרק ד', שנת תשע"ט לפ"ק

שנה 8, גליון 50 (410)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**7:27**
מוצאי שב"ק.....................**8:53**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ישעיה ס'-ס"א
בבלי..........................כריתות ג'
ירושלמי....................בכורים ד'
תוספתא.......בבא קמא פרק א'
רמב"ם.....................כלים י"ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ וְגוֹ'.** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן זַיין וואוּיל, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. רַשִׁ"י זָאגְט, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, **תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם**, אַז דָאס אִיז קֶעגְן **מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא**, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען.

בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, אוּן מֶען לֶערְנְט עֶס אִין אַ סֵדֶר, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט מֶען עֶס צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְן גְרֶעסְטְן עִיוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר דִי זַאךְ". אוּן דֶעמָאלְט קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צֵייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ מֶען וֶועט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" וָואס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, מֶען מַאכְט עֶס אַוֶועק. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת עֵקֶב תשס"ח לפ"ק)

***

נָאךְ אַ פְּשַׁט זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט), **וְהָיָה** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פי"ג ס"ה). **וְהָיָה** - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז, **עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן** - אֲפִילוּ דִי פִּיס וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּיס וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶעהְן אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען זָאל זֶעהְן צוּ אָפְּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען זִיךְ יָא שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַלֶעם גוּטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר דִי פְרוֹיעֶן וִוי פַאר דִי מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר? וַוייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵק אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיךְ וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶעוְנְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר וִוי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שְׂכַר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, וואוּ זִי אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען אִיז מֶען אִיר נָאכְגֶעלָאפְן, זִי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַלֶע סָארְט פְּלֶעצֶער אָבֶּער אִיבֶּערָאל זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פַאנְגֶערְס אִיר טְשֶׁעפֶּען, אִיז דִי פֵייגְל אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק: 'אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, וַוייל דָארְט וֶועט קֵיינֶער זִיךְ נִישְׁט טְרוֹיעֶן צוּ קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף מִיר'.

טוּ דוּ אוֹיךְ דִי עֵצָה וָואס דִי פֵייגְל הָאט גֶעטוּן; גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאהַאלְט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס - וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ (תְּהִלִּים צא, א): "יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן", אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם פְּלַאץ, עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ אִינֶעם שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט אִיז עֶר זִיךְ מִתְלוֹנֵן, עֶר טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַאַרְץ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' עֵקֶב תשע"ט)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מַיין מַאן וויל פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ מִיט מַיין מַאן הַאלְטְן מִיט אַלֶע שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה דֶערְמִיט, סְפֶּעצִיעֶל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיר הָאט גֶעזִינְגֶען לֶעצְטְנְס בַּיי דִי שִׁיעוּרִים שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳דִיגֶע דַאוֶּוענֶען. מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶ, אָבֶער אֵיין טָאג אִינְמִיטְן הֶערְן דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳דִיגֶע שְׁטִיקְלֶעךְ בַּיים שִׁיעוּר, גֶעבְּט זִיךְ מַיין מַאן אַ רוּף אָן, ״ס׳שְׁמֶעקְט מִיר צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיב אִיז דָא דָארְט אַזַא שֵׁיינֶער דַאוֶּוענֶען״.

יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער גֶעזוּנְט אוּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק אוּן גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן ד): ״כְּשֶׁתִּסְעוּ וְיִשְׁאֲלוּ אֶתְכֶם ׳מַה פְּעַלְתֶּם?׳״, וֶוען אִיר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען אוּן מֶען וֶועט אַייךְ פְרֶעגְן וָואס הָאט אִיר בַּאקוּמֶען פוּן אֵייעֶר רֶבִּי׳ן, ״תֹּאמְרוּ ׳רוּחַ׳״, זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן: ״לוּפְט״; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען מִיט דִי עֵצוֹת וָואס עֶר לֶערְנְט מִיט אוּנְז. דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ - דָאס אִיז אַזוֹי ווִי לוּפְט צוּם לֶעבְּן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אִים אַסַאךְ גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן, מֶען ווֶערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, מֶען ווֵייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן ׳קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן גָארְנִישְׁט גוּטְס טוּן׳.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט מְעַכֵּב אֵייעֶר מַאן אוּן אִיר לָאזְט אִים פָּארְן קַיין אוּמַאן; אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַ חֵלֶק אִין אֵייעֶר מַאנְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): ״וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד״, ווֶער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ פְרוֹי וָואס הַאלְט נִישְׁט אָפּ אִיר מַאן פוּן גֵיין קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הַבְטָחוֹת אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס.

אִיר שְׁרַייבְּט: ״מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶ״; אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין וָואס מֵיינְט: ״מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶ״, וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶב אַז אִיר הָאט מוֹרָא פוּן זַיין בְּרֶסְלֶב? וָואס ווִיל דֶען דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז? דֶער רֶבִּי ווִיל סַךְ הַכֹּל פוּן אוּנְז אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי מִיר רוּפְן זִיךְ אוּן צוּ וָואס פַאר אַ חֲסִידוּת מִיר בַּאלַאנְגֶען, זָאלְן מִיר לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אַ לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה אוּן אַ לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, מִמֵּילָא וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ מִיט זַיין בְּרֶסְלֶב? דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן מוֹרָא פוּן דִי וָוארְט בְּרֶסְלֶב וָואס וֶועלְן זֵיי טוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן מְגַלֶה זַיין פַאר אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פג) אַז מָשִׁיחַ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ׳מֵשִׂיחַ אִלְּמִים׳, עֶר וֶועט מַאכְן רֶעדְן אַלֶע שְׁטוּמֶע; מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): ״כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳״, אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע וֶועלְן זַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים - וָואס וֶועלְן זֵיי דֶעמָאלְט טוּן, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן זָאגְן פַאר מָשִׁיחַ: ״מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶ״?! עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, אַלֶע דִינֶען מִיר דֶעם אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ׳ עֵקֶב תשע״ט)

>>>>>>

אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שְׂכַר אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ״ד.) אַז דִי מַאן אוּן פְרוֹי זֶענֶען ווִי אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רס״ה) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כ״ה.) אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, אוּן זַיין וַוייבּ הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּן דֶערְצוּ, אַז עֶר זָאל בֶּעטְן אַבִּיסְל פוּן זַיין שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן עֶפֶּעס, אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי ווִי אַ הַאנְט וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גָאלְדֶענֶער פִיסְל. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי גֶעזֶען אִין חָלוֹם ווִי אַלֶע צַדִיקִים זִיצְן אִין גַן עֵדֶן בַּיי אַ טִישׁ פוּן דְרֵיי פִיס, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאר אַ טִישׁ פוּן צְוֵויי פִיס. הָאט זִי אִים גֶעהֵייסְן אַז עֶר זָאל צוּרִיק גֶעבְּן דֶעם פִיסְל, וַוייל זִי ווִיל נִישְׁט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וֵוייניגֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט דָאס צוּרִיק גֶעגֶעבְּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זֶענֶען דִי מַאן אוּן פְרוֹי אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן, זֵיי זִיצְן צוּזַאמֶען בַּיי אֵיין גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, זֵיי בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זֹהַר תִּיקּוּן י״ד) אַז אַ פְרוֹי הֶעלְפְט אַרוֹיס דֶעם מַאן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס דַארְף נִישְׁט אַזוֹי זַיין אַז אַ פְרוֹי זָאל שְׁפִּירְן אַז זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן אוּן דֶער מַאן זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס זַיין וַוייבּ. וַוייל וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען דִי פָּאר-פָאלְק הָאבְּן זִיךְ אֱמֶת׳דִיג לִיבּ, שְׁפִּירְט יֶעדֶער פוּן זֵיי אַז זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַלֵיין, זֵיי לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט אֵיין צִיל, אַזוֹי ווִי זֵיי זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער שְׁפִּירְט אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט דֶעם צְוֵוייטְן הֶעלְפְט מֶען זִיךְ אַלֵיין. דָאס אִיז אַן אֱמֶת׳עֶ אוּן רִיכְטִיגֶע לִיבְשַׁאפְט.

חֲזַ״ל זָאגְן (גִיטִין צ.) אַז דִי בֵּית הִלֵל הַאלְטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ פְרוֹי הָאט נָאר פַארְבְּרֶענְט דָאס עֶסְן פוּנֶעם מַאן, מֶעג עֶר אִיר שׁוֹין גֶט׳ן. דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. פַארְוָואס זָאל מֶען גֶט׳ן אַ וַוייבּ וַוייל זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט דָאס עֶסְן? עֶס מַאכְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַז עֶסְן וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, דָאס וַוייזְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שְׁלֶעכְטְקֵייט.

נָאר וֶוען מֶען וֶועט גוּט קוּקְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ״ל זָאגְן, וֶועט מֶען זֶען אַז זֵיי זָאגְן נִישְׁט אַז זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט ״דִי״ עֶסְן, עֶס שְׁטֵייט אַז זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט ״זַיין״ עֶסְן. דָאס מֵיינְט אַז פַאר אִיר אַלֵיין הָאט זִי גוּט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס עֶסְן זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן, אוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע חֲלָקִים גֶעבְּט זִי נָאר פַאר אִים. דָאס וַוייזְט שׁוֹין יָא אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

וַוייל אִין שְׁטוּבּ דַארְף הֶערְשְׁן אַן הַארְמָאנְיֶע, מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם. אוֹיבּ אִיז דָא גוּטֶע זַאכְן, טֵיילְן זֵיי זִיךְ בֵּיידֶע מִיט דֶעם. אוּן אוֹיבּ אִיז דָא חַ״ו אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, טֵיילְן זִיךְ בֵּיידֶע מִיט דִי צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אוֹיבּ דָאס עֶסְן אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן אִיז דָאס דִי שָׁאדְן פוּן בֵּיידֶע. אוּן מִיט דֶעם וָואס זִי גֶעבְּט נָאר פַאר אִים דָאס פַארְבְּרֶענְטֶע אוּן פַאר זִיךְ נֶעמְט זִי דִי גוּטֶע, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז זִי טוֹיג נִישְׁט.

אוּן פַארְקֶערְט אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט יָא אִינְאֵיינֶעם, מֶען טֵיילְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז אִין דֶעם הוֹיז לֶעבְּט מֶען מִיט גוּטֶע מִדוֹת, דָארְט הֶערְשְׁט אַן אֱמֶת׳עֶ שְׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטֵיילְט אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועלְן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ טֵיילְן מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען דֶער צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מֵרִימְנוֹב זי״ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְּן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן גֶעוָואלְט גֶעבְּן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן ווִי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט, אָבֶער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!״

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ טוּן, אָבֶער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט

<<<<<<

>>>>>>
פַאר אִיר מַאן אִין שׁוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואך אוּן פַאר'חַלָשׁ'ט. גְלַייך וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיך דֶער צַדִיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער".

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְּן, אָבֶּער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?" דֶער צַדִיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶעבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִיק. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגֶערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אִשָּׁה וְעֶרֶךְ זְכוּת)

>>>>>>
מ'זאל זיך דארפן אנ'חובות'ן פאר נארישע אומזיסטע הוצאות.

דער קלוגער חתן מיט די קלוגע מחותנים האבן זיך געמאכט דעם חשבון אז ס'איז א שאד אוועקצוווארפן אזויפיל אידיש געלט פאר נארישע כבוד המדומה, וואס קיינער האט גארנישט דערפון א טאג נאך די חתונה, און דעריבער האט מען געמאכט די חתונה אינ'ם זאל אין יבנאל.

דער זאל זעלבסט ווערט צוגעשטעלט אינגאנצן בחנם, די אנשי הקהלה אין יבנאל האבן געקאכט פאר די שמחה, און ביי די חתונה האבן אויך די ארטיגע אידן ארויסגעהאלפן מיט אלע צוגעהער, אראפצושטעלן דאס עסן אויף די טישן, פון וואו יעדער זאל זיך קענען נעמען לויט זיין באגער אין די פלאסטיק געשיר וואס איז געווען צוגעשטעלט.

די מוזיק און זינגער זענען טאקע געווען בלויז א 'די.זשעי.' סיסטעם, אבער די שמחה וואס מ'האט געשפירט אין די לופטן איז געווען אומבאשרייבלעך. דער עולם האט זיך געהויבן אין די לופטן און משמח געווען חתן כלה, עס איז געווען גאר אן אויסנאם פרייליכע חתונה.

ס'האט זיך נאכאמאל ארויסגעשטעלט אז מ'קען מאכן א הערליכע פרייליכע חתונה, וואס דארף זיך גארנישט שעמען פון סיי וועלכע אנדערע חתונה, און עס דארף נישט ברענגען קיין איבריגע חובות און עגמת נפש פאר די מחותנים, נאר עס ברענגט שמחה און פרייד, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אויך אסאך אידיש נחת אויף ווייטער.

**קול מצהלות חתנים מחופתם!**

***

## סיום מסכת תמורה און ירושלמי מסכת ערלה

דעם מיטוואך אינדערפרי, נאכ'ן טעגליכן שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א פון א בלאט גמרא בבלי און ירושלמי, איז פארגעקומען א שיינע סעודת מצוה לכבוד די סיומים פון די וואך, ווען מ'האט געענדיגט גמרא מסכת תמורה און ירושלמי מסכת ערלה.

ביים סיום האט דער ראש ישיבה נאכגעזאגט וואס דער הייליגער רמב"ם שרייבט ביים סוף פון הלכות תמורה, א טעם אויף די מצוה פון תמורה, אז ווען א מענטש האט א בהמה וואס איז א קרבן און ער זאגט אז ער וויל עס אויפטוישן אז די קדושה זאל אריבערגיין צו א צווייטע בהמה, זאגט די תורה אז בײדע בהמות ווערן הייליג, זאגט דער רמב"ם אז דער אייבערשטער ווייסט אז א מענטש האט ליב געלט, ער שוינט אויף זיין געלט, און דעריבער האט דער אייבערשטער געוואוסט אז ס'קען זיין אז א מענטש וועט זיך כאפן אז ער האט אוועקגעבן צו א גוטע בהמה פאר א קרבן, און ער וועט דאס וועלן אויפטוישן אויף א שוואכערע בהמה, און דערפאר זאגט די תורה אז בײדע בהמות ווערן קרבנות.

האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט מיט דעם אז די אלע געלט וואס א מענטש לויפט אזוי שטארק נאך, וועט נישט בלייבן מיט'ן מענטש, אזוי ווי דער רבי זאגט אז געלט מיט'ן מענטש גייען נישט אינאיינעם פאר צו לאנג, אדער נעמט מען אוועק דעם מענטש פון די געלט, אדער נעמט מען אוועק די געלט פונעם מענטש. וואס עס בלייבט יא אייביג מיט'ן מענטש איז די תורה און מצות וואס ער כאפט אריין. דערפאר דארף מען האבן דעם ריכטיגן שכל און אריינכאפן צו לערנען תורה יעדן טאג, וואס דאס איז אן אייביגע פארמעגן פאר'ן מענטש, דאס וועט אים באגלייטן און אפהיטן סיי אויף די וועלט און סיי אויף יענע וועלט.

**כי טוב סחרה מסחר כסף!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיז מֶען יוֹצֵא בְּלוֹיז מִיטְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט פַאר אַ מַאמֶע וָואס אִיר בָּחוּר פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַז אוֹיבּ וִויל מֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ וִויל דָאס פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן מְתַקֵן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אִיז גֶענוּג צוּ זָאגְן אַז מְ'וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דֶעם אִיז מֶען שׁוֹין יוֹצֵא? אִיז דֶען דָאס גֶענוּג?

אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן זַיין מֶער צְנִיעוּת'דִיג, אַז מַיין זוּן וִויל קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוּן, אָדֶער סֵיי וֶועלְכֶע פְּרָאבְּלֶעם ס'מַאכְט זִיךְ אִין אַ שְׁטוּבּ, אִיז גֶענוּג בְּלוֹיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אָדֶער אִיז דִי אַחֲרָיוּת פוּנֶעם מַאן אוּן טַאטֶע צוּ זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס וֶוערְט טַאקֶע אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵיי, בִּיז זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. ס'זֶעט מִיר אוֹיס לֶעכֶערְלִיךְ צוּ זָאגְן אַז מְ'דַארְף בְּלוֹיז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט מֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט אִיז אַדְרֶעסִירְט צוּ עֶלְטֶערְן וָואס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער הֶערְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס וָואס מֶען זָאגְט זֵיי; וֶוען מֶען הָאט דֶערְוַואקְסֶענֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְקְרָאכְן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זֵיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ גֶעבְּן מוּסָר, וַוייל מִיטְ'ן רֶעדְן מַאכְט מֶען נָאר עֶרְגֶער. אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵין יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר וֶוען מֶען נֶעמְט אָן וָואס מֶען זָאגְט, "כַּךְ מִצְוָה שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע", אַזוֹי אִיז אַ מִצְוָה מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

אַוַדַאי דַארְף מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג - וֶוען זֵיי הֶערְן נָאךְ אוֹיס וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, דִי וֶועלְן שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת. קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג, אָךְ אוּן וֵויי אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער הָאט פַיינְט זַיינֶע קִינְדֶער, "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", וִוידֶער דֶער וָואס אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וַוייזְט דָאס אַז עֶר הָאט לִיבּ זַיינֶע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, א): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ; וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס הָאט עֶר אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט; בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂו; יִצְחָק אָבִינוּ הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

לֵיין אִיבֶּער דִי שְׁאֵלָה מִיט דִי תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ זֶען אַז מֶען רֶעדְט פוּן אַ בָּחוּר וָואס גֵייט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג, עֶר הֶערְט לֵיידֶער נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִין אַזַא פַאל אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן מוּסָר, בַּיי דֶעם פַאל זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי ט, ח): "אַל תּוֹכַח לֵץ", זָאג אִים נִישְׁט קַיין מוּסָר, "פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ", וַוייל דוּ וֶועסְט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

אִין יֶעדְן פַאל דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ מֶען זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק דַארְף מֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף זֵיי, וַוייל תְּפִילָה אִיז שְׁטַארְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג. אֲפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי מֶען קֶען נָאךְ עֶפֶּעס עֶרְוַוארְטְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' עֵקֶב תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**



# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לח)

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן דִי רֵייזֶע קַיין קַאמִינִיץ.

### קעה

דִי נְסִיעָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין קַאמִינִיץ אִיז גֶעוֶוען גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס צוּ זָאגְן דֶערוֹיף, טֵייל הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט דָארְט אוֹיפְטוּן, אוּן אַנְדֶערֶע הָאבְּן גָאר גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אִיבֶּער וָואס דָארְט אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָבֶּער אַלֶעמֶען אַוֶועקְגֶעמַאכְט, זָאגְנְדִיג אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זַיינֶע כַּוָונוֹת. אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט גוּט אִיבֶּער דֶעם, הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס אֶמֶת'ע כַּוָונוֹת דֶערְבֵּיי. אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן יָא עֶפֶּעס פַארְשְׁטַאנֶען, וַוייל דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט זֵיי גֶעזָאגְט עֶפֶּעס רְמָזִים, הָאבּ אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעהַאט זַיין גַאנְצֶע כַּוָונָה מִיט דִי נְסִיעָה.

### קעו

טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן צוּ טְרֶעפְן דָארְט כְּתָבִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס עֶר הָאט עֶס דָארְט פַארְשְׁלָאסְן אִין אַ שְׁטֵיין, אוּן גֶעוִויסֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶס לִיגְט אִין קַאמִינִיץ. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אָפְּגֶעלַאכְט פוּן דֶעם, עֶר הָאט קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן פַאר דֶעם, וַוייל עֶס פֶעלְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס דִי כְּתָבִים, אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי כְּתָבִים וָואלְט מֶען דָאס גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אִים אַהֵיים.

### קעז

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. בַּיים עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּרִיק אִינְדֶערְהֵיים הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"ג, ט') "דָבְקָה נַפְשִׁי אַחֲרֶיךָ". דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן הוֹיכֶע תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ וֶוען אִיךְ בִּין נָאר צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן קַאמִינִיץ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַזַא תּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען אִיךְ וֶועל צוּרִיק קוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ זָאגְן נָאךְ פִיל גְרֶעסֶערֶע אוּן הֶעכֶערֶע תּוֹרָה".

### קעח

אִין יֶענֶע צַייט, נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן קַאמִינִיץ, אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי'ן דִי פֶערְטֶע טָאכְטֶער. אָבֶּער נָאךְ אֵיידֶער מְ'הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְן אִיז זִי נִפְטָר גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "סְ'וֶועט נָאךְ אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר נָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, בְּלוֹיז צוּלִיבּ אֵיין תְּנוּעָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט בַּיי מִיר צְוִוישְׁן פַאר אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קַאמִינִיץ, אוּן פוּן נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"


# אומאן ראש השנה!

## אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

Travel the right way

718-506-4341


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינער סיום הש"ס אין קעמפ

דעם פארגאנגענעם זונטאג נאכט איז פארגעקומען אין קעמפ א שיינער סיום הש"ס, - ווי טייל האבן זיך אויסגעדרוקט "דער יערליכער סיום הש"ס" - ווי מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס צום זיבעטן מאל.

ר' יעקב משה האט זיך איינגעפירט שוין פאר עטליכע יאר צו לערנען יעדן טאג זיבן בלאט גמרא און אזוי ארום ענדיגט ער גאנץ ש"ס יעדעס יאר, און דערנאך קומט ער יעדעס יאר ארויס אין קעמפ צו מאכן דעם סיום.

א שיינע סעודה איז סערווירט געווארן, עס זענען זיך צוזאמגעקומען די תושבי המחנה, מיט פילע געסט פון אנשי שלומינו און קרובי המשפחה וואס זענען געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט זיך משתתף צו זיין מיט די שמחה.

נאכ'ן מסיים זיין, האט ר' יעקב משה גערעדט מיט גרויס התרגשות אפאר ווערטער, דאנקענדיג דעם אייבערשטן, און זאגנדיג א יישר כח פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס געבט אים די חיזוק און התעוררות צו לערנען יעדן טאג זיינע פילע שיעורים אין חומש, משניות, גמרא, און נאך.

מען האט געהערט עטליכע ווערטער לכבוד דעם סיום פון ר' יעקב משה'ס זון, ר' אשר בער; און פון ר' משה ארי' שניטצלער, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט בשבחו פון ר' יעקב משה, וואס טראץ זיין פארנומענקייט, זייענדיג פאריאגט על המחיה ועל הכלכלה, האט ער זוכה געווען ארויסצו'גנב'ן צייט צו לערנען אזויפיל תורה, און האט זוכה געווען די לעצטע זיבן יאר צו ענדיגן ש"ס יעדעס יאר, און דאס איז מחייב אלע אינגעלייט. נישט אז מען מוז דווקא נאכמאכן דאס צו ענדיגן ש"ס יעדעס יאר, נאר דאס אז יעדער זאל זען גוט אויסצונוצן די צייט און לערנען וואס און וויפיל ער קען. "דאס ווייזט אונז ר' יעקב משה" - האט דער ראש ישיבה געזאגט - "כאטש דו ביסט פאריאגט און פארפלאגט און דו קענסט רואיג האבן גוטע תירוצים און דו האסט נישט קיין צייט צו לערנען, אבער ר' יעקב משה ווייזט אונז אז אויב מען מיינט עס אמת'דיג קען מען טרעפן גענוג צייט צו לערנען יעדן טאג אביסל תורה."

אזוי אויך זעט מען ווי ברא מזכא אבא, ווען פאר אכט יאר צוריק איז ר' יעקב משה'ס זון - ר' אשר בער - אריינגעקומען אין ישיבה אלס בחור, און האט זיך געזעצט לערנען פלייסיג און האט ביז א קורצע צייט זוכה געווען און געענדיגט ש"ס, פון דעם האט ר' יעקב משה אויך באקומען די התעוררות, און געטראכט "למה נגרע", און האט טאקע זינט דאן זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס נישט איין מאל, נאר זיבן מאל.

נאכדעם האט מען געהערט דברי תורה פון זיין חשוב'ן שווער הרה"ח ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א, וואס האט געזאגט שיינע פערל ווערטער און גדאנקען צום דעם געהויבענעם מאמענט ווען זיין חשוב'ער איידעם איז זוכה נאכאמאל מסיים צו זיין ש"ס.

מען האט געזינגען ווארימע הארציגע ניגונים, און דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט פרישע חיזוק און התעוררות זיך שטארקן מיט א פרישקייט צו לערנען די הייליגע תורה.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

## שיינער שידוך פון א תלמיד הישיבה

מיט גרויס שמחה האבן אנשי שלומנו אויפגענומען די בשורה פונעם שידוך שליסן פון הב' יענקי ראטענבערג נ"ו בן מו"ה יוסף הי"ו פון קרית יואל, פון די חשובע תלמידים אין ישיבה, עב"ג הכלה תחי' בת מו"ה אליעזר פוקס הי"ו פון ירושלים עיה"ק.

סיי דער חתן נ"י און סיי די כלה תחי' זענען ביידע געווען א צייט צוריק ביי מוהרא"ש'ס ציון אין יבניאל און געפאלגט וואס מוהרא"ש האט געהייסן אויפקריצן אויף זיין מצבה, "יעדער בחור און יעדע מיידל וואס וועלן קומען צו מיין ציון און אויסזאגן דארט גאנץ ספר תהלים, וועל איך נישט רוען אויף יענע וועלט ביז איך וועל טרעפן פאר זיי א שידוך". און ב"ה זיי האבן יעצט ביידע געטראפן זייער שידוך אין זכות פון אמונת צדיקים און פאלגן בתמימות ובפשיטות וואס דער צדיק האט געהייסן.

דער חתן איז א געטרייער איבערגעגעבענער תלמיד פון ראש ישיבה, אויסער זיין התמדת התורה און מידות טובות האט ער אויך פיל ארויסגעהאלפן אין ישיבה, און אלע תלמידי הישיבה פרייען זיך מיט מיט זיין שמחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א ערליכע אידישע שטוב, ס'זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול חתן וקול כלה!**

***

## פרייליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

דעם דינסטאג איז פארגעקומען די חתונה פון החתן מו"ה משה ראזענבערג נ"ו בן מו"ה יצחק הי"ו, פון די חשובע תלמידים אין ישיבה, עב"ג בת מו"ה משה נתן שטיינער הי"ו פון ירושלים עיה"ק.

די חתונה איז פארגעקומען אין יבנאל, אין די זאל אונטער'ן גרויסן בית המדרש, וואס מוהרא"ש האט געבויעט ספעציעל פאר דעם צוועק אז מ'זאל קענען חתונה מאכן די קינדער גרינג און ביליג, אן דעם וואס

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יעקב ראטענבערג** נ"ו

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **משה ראזענבערג** נ"ו

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**